STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02956

YUNGER VINTER

Jakub Zonszajn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. זאָפשטיין

יונגער ווינטער

י. זאָנשיין

יונגער ווינטער

פאַרלאַג: יידיש בוך — וואַרשע

1964

I. ZONSZAJN

WCZESNA ZIMA

Red. D. SFARD
רעד. ד. ספאַרד

Okładkę i ilustracje projektował R. CHWOLES
הילע און צייכענונגען פון ר. כוואָלעס

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2500 egz. Druk ukończono w marcu 1964 r. Ark. druk. 9,5.
Ark. wyd. 7. Papier druk. sat. kl. III, 61 × 80 g.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 5030 — Z-70

*   *
*

יעקב זאַנשיין ווי א דיכטער האָט לאַנגע יאָרן געשוויגן. נאָר ווען פון דעם דאָזיקן שווייגן האָבן פּלוצעם אויפגעשפּראָצט זיינע ערשטע קורצע און אָריגינעלע שורות, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אומגלויבלעכע אַנטפּלעקונג.

ווי אויסגעלייטערט אין דעם דאָזיקן לאַנגן שווייגן, איז דאָס וואָרט זיינס אויפגעקומען אָן שום צומיש פון וועלכן ס'איז דעקאָראַטיוון עלעמענט, פּראָסט און טערפּקע, נאָר מיט א דורשטיק אינערלעך פייער.

עס איז אין דעם געווען פאַרוונדערונג און באַוונדערונג פון אַלץ אַרום, ווי פון א מענטשן, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערזען די וועלט און זיך אַליין, אָבער גלייכצייטיק אויך א מין ווייטיקלעכער פאַרדרוס און פאַרעקשנטע מאָנונג.

זאַנשיינס שורות זעען אויס אָפטמאָל אומפאַרשטענדלעך מחמת זייער רויקייט און צמצום, אָבער ווען מען האָרכט זיך גוט איין אין זיי, דערזעט מען נישט בלויז זייער גרייכן צום טאָמע תוך, נאָר אויך זייער אָפּשטאַמיקייט פון א טיפער עמאָציאָנעלער אַטמאָספער.

אין זאַנשיינס לידער דאַרף מען זיך אַריינליינען, איינלעבן זיך מיט זייער שפּאָרזאַם לשון, מיט זייער אייגנאַרטיקער בילדלעכקייט, כדי צו דערפילן זייער אומיטלבאַרקייט און פּשטות. די מערהייט פון זיי רעדט וועגן אַלגעמיין מענטשלעכע ענינים — וועגן ליבע און אַנטוישונג, וועגן נויט, וועגן די ליידן פון זיין פאָלק, וועגן לעבן און טויט. זיי פאַרמאָגן אין זיך פּראָטעסט און פאַרביטערטקייט, אָבער אויך ליבע און בענקשאַפט נאָך מענטשלעכער גוטסקייט.

דער באַהעפט פון די דאָזיקע קעגנזעצלעכע געפילן איז די סיבה פון זייער הייסן נאָגנדיקן אומעט, ווי די רויטקייט פון האַרבסטיקע בלעטער, אין וועלכער עס גליט אויס דער לעצטער אָטעם פון זומער, נאָר מיט אַזאַ טרויעריקער שיינקייט, וואָס איז ווי אַן איבערגאַנג צו פרייד.

טרויער וואָס גרייכט ביז צו די גרענעצן פון פרייד, אַנטוישונג און פאַרביטערטקייט אונטער וועלכער עס ריזלט ליבע-דורשט און גאַרונג נאָך א מענטשלעך האַרץ, שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט און בילד, ווי א רעזולטאַט פון עכטער איבערלעבונג —

אַזאַ איז יעקב זאַנשיינס ליד.

*   *
*

יעקב זאַנשיין איז געבוירן געוואָרן אין לוקאָוו דעם 10/I 1914 ביי אומפאַרמעגלעכע עלטערן. אין דעם שטעטל האָט ער פאַרבראַכט זיין קינדהייט און יוגנט, באַקומענדיק א טראַדיציאָנעל-יידישע דערציונג. אַריבערפאָרנדיק קיין וואַרשע, ווערט זאַנשיין אַן אָפטער אַריינגייער אין

פֿאַרייִן פֿון ייִדישע ליטעראַטן, מאַכט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט אויפֿן געביט פֿון פּאָעזיע און וועלכע עס איז שוין דעמאָלט געווען צו זען אַן אָנדײַט אויף זײַן שפּעטערדיקן נוסח.

אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה געפֿינט זיך זאַנשיין אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

צוריקקומענדיק קיין פּוילן און באַזעצנדיק זיך אין ווראָצלאַוו, ווײַזט זאַנשיין אַרויס אַ סך געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע אַקטיוויטעט, אַרבעט אין דער ווראָצלאַווער אָפּטיילונג פֿון קולטור-געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדן אין פּוילן, איז אַ געוויסע צײַט אָנפֿירער פֿון די דראַמקרײַזן אויף נידערשלעזיע, שרײַבט רעפּאָרטאַזשן פֿון ייִדישן לעבן, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ליטעראַרישע פֿאַרצײַכענונגען, אַ דראַמע „פּראָפֿעסאָר שוואַרצשטיין“, אַרבעט איבער אין אַ נײַער ווערסיע גערשנזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“.

סוף 50-ער יאָרן פֿאָרט זאַנשיין איבער קיין וואַרשע, וווּ ער אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פֿון די „ייִדישע שריפֿטן“. אין די דאָזיקע יאָרן רײַפֿט אויך אָן זײַן דיכטערישער טאַלאַנט און עס פֿאָרמירט זיך אויס זײַן אייגנאַרטיקער סטיל, וועלכער קומט בולט צום אויסדרוק אין זײַנע צוויי לידער-זאַמלונגען „וואָרט און ניגון“ (1959) און „יונגער ווינטער“ וואָס דערשײַנט שוין, ליידער, נאָך זײַן טויט.

פֿיל פֿון זאַנשיינס לידער זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש נאָך פֿאַר זײַן לעבן און געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשידענע צײַטונגען און זאַמל-ביכער.

סוף 1963 האָט דער פֿאַרלאַג „טשיטעלניק“ אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פֿון זאַנשיינס לידער אין פּויליש מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון אַרנאָלד סלוצקי.

דעם 7-טן פֿעברואַר 1963 איז יעקב זאַנשיין געשטאָרבן אין סאַמע צעבלי פֿון זײַן טאַלאַנט.

ד. ספֿאַרד

מײַן טײַערער קוזינקע רויזקע זאַבשײַן=
גאָרבאַט אין קאַנאַדע, מיט ליבשאַפֿט גע=
ווידמעט.

יעדן מאָרגן

יעדן מאָרגן
דו רופסט:
קום!
איך וואַרט אויף דיינע צערטלעכקייטן —
און איך וויים ווו דו ביסט
און קאָן דיך אַלצאיינס נישט דערגרייכן.

מיין בענקשאַפט און קלאָג
הערט נישט אויף מיטן ווייסן טאָג.

ווייל כ׳קאָן דיך,
ליבסטע,
מיט קיין צווייטער נישט פאַרבייטן.

יאָרן, מײַנע יאָרן

יאָרן, מײַנע יאָרן —
געהויקערטע קעמלען
מיט צרות באַלאָדן —
ווי קאַראַוואַנען
דורך אַ מדבר
איר ציט פאַרבײַ מײַן זכרון.

נאָר דאָס האַרץ,
אין הײסן בלוט געבאָדן,
פאַרויס עס טרײַבט —

שטײט אין רויטן אָונט־ליכט
דער לעצטער קעמל —
און שרײַט — —

רויטע פיאָלקעס

איר פאַרשווינדסט, אָ פריינט, אַליין טיפער אינעם ווייטן טאָל.
איך וואַרט נישט מער קיינעם —
אַ פאַרמאַכטער אין מיין ווייסער שאָל.

מיר איז איצטער גוט —
פון קרייז פון מיין לייב
באַפרייט זיך לייכט דאָס בלוט.

און, זע, אין מיין פויסט זיי ליגן דערוואָרגן
די האָפענונג און די שרעק —
אפילו די רויטע פיאָלקעס בלייבן ביי מיין צוקאָפנס.



שלום-עליכם-מאטיוון



סטעמפעניו.

סטעמפעניו אויף דער פידל
וועט מער נישט שפּילן,

רחלה די שיינע
וועט מער נישט וויינען,
נאָר איך,
דער זון פון זייער ליבע,
מיט דער וועלט,
וועל נישט אויפהערן זיך קריגן.

שלום-עליכם!
דו, וואָס האָסט אונדז אויסגעטראַכט,
גיב מיר קראַפט
אויפן קבר פון דיין פאָלק
צו טאָן אַ לאַך — —

דאָס פאַרכישופטע שניידערל

וואָס איז זי
די שמעון־עליע'יאַדע
וואָס לאָזט זי מיך געהערן?
ס'איז איך
אוודאי
און מיין וויסטער שטערן.

אַ לעבן איך פיר זי
די ציג,
אַהין און צוריק;
גיי דורך טאָג און נאַכט
אַריין און אַרויס —

שווער די בושה,
דער ווייטיק איז גרויס:
מחמת דער טאָג
פאַרוואַנדלט מיין ציג אין אַ באָק...

וואָסזשע איז דער תכלית, דער ציל?

אַ חוזק־שפּיל
מיר זענען, שמעון־עליע,
די וועלט אַרום אונדז —
אַ לצים־קאַפּעליע.



טביה און מנחם־מענדל

זוי שטערן
איבערן אייביקן הימל,
זיי פינקלען
טביהס לאַכנדיקע טרערן.

זוי ליכט־צייכנס,
אין אונדזער געמיט
זיי זענען פאַרשטאָכן,
ווינקען,
פינקלען,
רופן צו:
— בטחון, ברודערל, בטחון!

נאָר
מנחם־מענדל,
דער פאַנטאַזיאָר
און נאַר,
ער קלויבט אַלץ די יידישע צרות
אין אַ גרויסן — גרויסן הויפן...

און ער שרייבט צו שיינע־שיינדלען:
בוטאָ־בי ער טוט מיינען
די שונאים וועלן עס קויפן — —

ווי דער בער

ווי דער בער פונעם ווינטער־שלאָף
קריכסט אַרויס
פון דיין מרה־שחורה־קלייד;

דיינע גרויע אויגן זענען בלוי
און חן־גריבלעך דאָרט,
וווּ נעכטן
האָט זקנה זיך געקנייטשט.

ווי דו

ווי דו,
אַ נאַקעטער איך שטיי,
מיין מויל איז פול
מיט ווערטלעך געשריי.

איך לעב —
בין איך דיין
אַלצאיינס — —

קוק זיך איין

קוק זיך איין,
דו גולם —
וויפל לעבנס אַרום זיך.
און יעדעס פון זיי
זיין בית־עולם
טראָגט אין זיך.

אויך די,
וואָס וועט קומען ערשט
פאַנגען דיך אין איר נעץ —
זי האָט נישט איין בית־עולם שוין
פאַרמערט —
מיט נאָך א קבר...

זיי וויסן —
אַלע שיינקייטן,
אויסגעלאָשענע פאַר דער צייט,
וואָס דו באַוויינסט —
זיי לויכטן
ערגעץ־ווו באַניים.

צי בלויז דערפאַר

צי בלויז דערפאַר
איז שיין די בלום
ווייל זי ווייסט נישט דערפ'ון?

איך גלויב,
עס איז אַזוי,

אויך איך
בין אַמאָל שיין געווען
איידער כ'האָב דיך
און זיך אַליין דערזען.

מיך צו פאַרשקלאַפן

מיך צו פאַרשקלאַפן
צו דער רגע באַשטענדיקייט,
וואָס איז נייטיק
צום פאַרזיי —

אַלע שיינע פאָרמען
קלאַנגען און פאַרבן
דו האָסט באַשאַפן —

צווישן זיי
אויך פון מיין ליד די רייד,
וואָס איך רעד צו זיך אַליין.

*   *   *

אָנגעזעטיקט מיט דיר,
מיט דיין ליכט,
הימל און ערד אין מיר
פאראייניקן זיך.

נישטאָ מער קיין הייכן
קיין נידער —
בשלום עס הויזן
ליב און דערווידער.

מיאוס און שיין
זענען איינס,

ווי דער ווייטיק
און די פרייד
פון סאַמע לעצטן
באַשייד.

אָן אַ פּאַרוואָס

אָן אַ פּאַרוואָס
האָסט מיין נאַקעטן שאַרבן
באַגראָזט.

דעם צעקאָכטן האָניק פון די סאָסנעס
געטריבן
אין מיין בלוט,

דאָס האָט זי...

דאָס האָט זי מיך
דורך טאָג און דורך נאַכט געטריבן;
קיינמאָל נישט זיכער מיט איר —
כ'האָב פּאַמעלעך/פאַסנווייז מיין לייב געריסן.

דאָס האָט זי מיך
פאַרפירט אין צענטער פון פאַרביקן קרייז,
ווו אייז פאַרוואַנדלט אין פייער זיך
און פייער — אין אייז....

דאָס האָט זי מיך
געלאָזט אויף דער צעבראָכענער בריק,
איבער דעם שוואַרצן טייך —.
וואָס קיינער האָט זיין גרונט נישט-דערבליקט...

אויף דער שוועל פון האַרבסט

די קערנער, וואָס כ׳האָב אין דיר פאַרזייט,
זיי האָבן לאַנג און שווער געדייט.

ווען דער ערשטער שפּראָץ האָט זיך אויפגעהויבן —
דער פרילינג האָט לאַנג שוין אָפּגערעגנבויגנט.

אוים מורא פאַר די הייסע זומער־טעג
אַנטלאָפן דו ביסט מיטן ווייטסטן וועג.

איצטער שטייסטו א קופּערנע אויף דער שוועל פון האַרבסט
און באַוויינסט דעם געגאַרטן, וואָס האָט זיך נישט דערוואַרט.

ווי די סאָסנע

ווי די סאָסנע,
וואָס אָן אויפהער אירע נאָדלען שיט —
ווייסט נישט קיין אונטערשייד
צווישן פרילינג און הארבסט —

אויך איך
די ווערטער ווארף־אָפּ פון זיך —

איז ווער מיין שולד,
וואָס נייע בליען אין מיין הארץ?

אַלץ איז געווען אַ ליגן

אַלץ איז געווען אַ ליגן.
איך אַליין האָב עס אַזוי אויסגעטראַכט
פֿאַר מיין ביטער-פֿאַרגעניגן...

טאָ ווונדער זיך נישט,
וואָס נישט קיין אַנדערע נאָר גראָד זי
איך האָב געליבט.

אויפֿן פּאָן פֿון מיין געמיט
געווען עס איז —
אַזאַ-מין שפּיל — —

אין שפּיטאָל

די ווענט דיינע און דער סופיט,
אויף וועלכע איך קוק,
זענען ווייסער פון דעם פּאַפּיר,
וואָס כ׳האָב נעכטן געשריבן אויף אים.

און וואונדערלעך איז די צערטלעכקייט,
וואָס בליט אויף דיין געזיכט —
אָ, אייביק טרייסטנדיקע,
וואָס דיין נאָמען בלייבט אַ רעטעניש.

ס׳איז נאַכט. גאָר אויך
די נאַכט הינטער איר שוואַרצער הילע
איז ווייס און וואָרקעט ווי די טויב
נאָך דער מאָרגן־טבילה.

אויך די טרערן,
וואָס הערן נישט אויף צו גיין,
זענען דערפאַר —
אַז צום גרויסן מאָרגן
זאָלן די אויגן לויטער זיין...

יונגער ווינטער

איז פרייד נאָר דאָרט, ווו עס גרינט?
איז גליק נאָר ביי דעם, וואָס געווינט?

זאָלסט נישט בלייבן פאַרשעמט —
האָב איך אויסגעטאָן פון זיך דאָס לעצטע העמד.

איצט בין איך נאַקעט און אַליין.

און ס'האָט קיין גרענעץ נישט די פרייד,
וואָס עס טראָגט מיר אַנטקעגן דער יונגער שניי.

אָט גיי איך — קלייב די שפּורן פון דיינע טריט
און פאַראייביק זיי אין מיין ליד...



אַריינצוקומען אין דיר

אַריינצוקומען אין דיר,
כ׳האָב מיך אויסגעשיילט
פון אַלע מיינע זיבן הויטן.

און דו —
נשתומם פון די רייד,
וואָס עס האָט גערעדט צו דיר
דאָס רויע לייב,
האָסט דאָס טויער
צו דיין לעצטן אַטאָם געעפנט...

בין איך געגאַנגען אין דיר,
געפרייט זיך,
געוויינט:
ווייל דיך
האָב איך דאָרט נישט געטראָפן.

איך פּיר דיך

איך פּיר דיך אַלץ נאָך
צום נסיון,
ווי אברהם
זיין זון יצחק
צו דער עקדה...
כאָטש מיר זענען אַריבער שפּייַז
דאַנקן־גאָט
דעם האַלבן וועג
פון אונדזער רייזע — —

שטראָף און טרייסט

האָרך אוים מיין קינד,
אַלע וועגן זענען קרום
און פירן צו דער זון.

גענוג שוין געוויינט...

די טרערן,
וואָס איך האָב אין דיר פאַרזייט,
זיי וועלן אויפגיין —
מיט ליכטיקער פרייד.

פון די טויזנט סופ׳ן

פון די טויזנט סופ׳ן יעדער אָנהייב
איז געקומען מיטן וואָרט:
א י ך ג ל ו י ב...

איז עס די בטחון-שרויף,
וואָס האָט מיינע אויגן אויסגעשטאָכן,
דעם האַרץ געגעבן אַ נייעם אָנהייב —

שיינע פאַרפירעריך, ירושה
פון מיינע אבות —
דו ביסט מיין שטאָלץ און אויך — מיין בושה!...

...דער צוג איז שוין אַוועק

...דער צוג איז שוין אַוועק,
אין מיין האַנט די בלומען האַלטן שוין אין וויאַנען.
זי שטייט און שטייט,
קוקט אויף מיר מיט שרעק:

„ווי די ליפּע אירע בלעטער, מיינע יונגע טעג
איך האָב לאַנג אָפּגעשיט;
וואָלט איך ווי דער דעמב
כאָטש בלעטלעך דריי
פון מיין זומער אויפגעהיט...

פאַר דיר, מיין פריינט!
פאַר די פּונטיקע מעת־לעתן,
וואָס כ'האָב פון דיין האַרץ אויסגעשניטן" —
זי לאַכט
און זי וויינט...

און איך, ווי אַמאָל, רעד זי איין:
ביסט גאָרנישט גרוי, ליבסטע,
דאָס האָט דער באַגינען־פראָסט
דיין שיינעם קאָפּ
באַדעקט מיט טוי...

יעדן טאָג

יעדן טאָג,
אָט־אָ־דאָ,
בלייבט שטיין דיין צוג —
ווייסטו דערפון
(אוודאי).

און הינטער דיר
זים בלייבט —
ווי תמיד,
די סטאַציע:
פ ר יי ד . . .

וואָלט איך אַ טעכטערל געהאַט

יאַנעטשקע

וואָלט איך אַ טעכטערל געהאַט,
דאָס שענסטע מעשהלע פאַר איר
וואָלט איך אויסגעטראַכט.

וואָלט אַ מיידל מיין הארץ באַצווינגען,
דאָס שענסטע פון אַלע לידער
וואָלט איך פאַר איר געזונגען.

ווער־זשע האָט מיך אין מיין איינזאַמקייט
אַזוי מיך פאַרשפּאַרט?
דאָס האָבן זיי:
מיין טעכטערל דאָס אויסגעטראַכטע,
דאָס מיידל
וואָס האָט זיך נישט דערוואַרט...

זויי צו אייך

זויי צו אייך,
אייביק פאַרליבטע!
גלויביק פאַרטרויטע —
אויף זאַמד
שלעסער פון העלפאַנטביין
איר בויט,

כאָטש איר ווייסט —
פרעמדע ווען ווינען אין זיי,
און אפילו איינער
וועט נישט אונטערגיין
צוזאַמען מיט אייך.

וואָס איז זי דיר שולדיק

וואָס איז זי דיר שולדיק,
די וועלט,
און איך,
וואָס ביסט מיר וווילגעפעלן!
דיין צירלעך געזיכט,
די אויגן וואָס שיינען —
זיי קוקן אויף אַלץ
מיט אַן אייביקער טענה.
וואָס בין איך דיר שולדיק,
מיט וואָס קאָן איך זיך צעצאָלן?
אַז נישט צו באַצאָלן
איז די שיינקייט־קללה...

* * *

וואָס טויגן דיר
די שטיוול פון בליי,
ווען ס׳איז גאָר
קיין גרונט נישטאָ —
ווו
צו בלייבן שטיין...

די פּאָעזיע — וואָס איז זי?

די פּאָעזיע — וואָס איז זי? —
דער פאַרביקער וואָלקן,
וואָס פליט און פאַרפליט.

די שיינקייט איז אויך נישט מער,
ווי אַ קלייד פון טרויער.
ווייל אין לעבן
אַזוי ווי דער פאַרביקער וואָלקן,
זי האָט נישט קיין דויער...

דאָס ליד

דאָס ליד
עס איז
ווי די פֿרוי פֿאַרגעבן —
וואָס שענער
אַלץ צעקרינטער
מיטן לעבן...

וואָלט איך געקאָנט

וואָלט איך געקאָנט פון זיך אַליין
מ ח י ל ה בעטן,
געפאַלן איך וואָלט צו מיינע פיס,
די הענט —
אויסגעוווייקט אין איינן בלוט —
געקושט.

דער קרבן און דער תליון
אַליין איך בין —
אָן אַ שופט,
איך מעסט מיר אוים די האַרבסטע שטראָף:
פאַרוואָס?
פאַרוואָס?

דער שייטערהויפן

דעם שייטערהויפן,
וואָס עס ברענט אויף אים
מיין לייב —
אַליין מיינע הענט האָבן אים אויפגעהויבן.
איך שריי,
ווייל אין דער קורצער ווייל
פון בראַנד ביז פאַרקוילן —
האָט זיך די אייביקייט
אויסגעשפרייט...



ביינאַכט

ביינאַכט
מונטערט דער ווינט
די פאַרשלאָפענע סאָסנעס —
פרילינג גייט!
פרילינג קומט!

די סאָסנעס
גלויבן נישט,
זיי שטייען שטייף
זיי שטייען שטום.

מיך פון געלעגער
די שטים רייסט אויף;
דעם פרילינג אַנטקעגן
דורך דער נאַכט איך לויף.

און איך קאָן זיך נישט באַהערשן,
כאָטש איך ווייס בחינם איז עס —
זיבן זונען אפילו
אויף מיין קאָפּ דעם שניי
זיי וועלן נישט צעשמעלצן...

נישט אויף קיין רוף

נישט אויף קיין רוף,
נישט פון ברענענדיקן באַגער
צום בראשית־אָרט פון מיינע אור־אור...
איך האָב מיך אומגעקערט.

איר לאַכט — מיינע פריינט:
יונג דער וואַלד, קיין ווילדע חיות נישטאָ.
אַך, איר האָרכט זיך איין...
זיי וואָיען אין מיין בלוט — — —

אַ גאַנצע נאַכט

אַ גאַנצע נאַכט איבער מיין האַרץ
זיי האָבן זיך גענייגט,
געסודעט —
און איך האָב אויף אַ הוידלקע
צווישן טויט און לעבן
זיך געהוידעט.

אינדרויסן
האָבן ווינטן זיך געלייגט,
דאָס לעצטע שריפה־ליכט
אין בלוט
איז אויסגעגאַנגען —
נאָר זיי שטייען אַלץ גענייגט
איבערן האַרץ מיינעם,
מורמלען שטילערהייט.
איך האָב זיי אַלצאיינס נישט פאַרשטאַנען.

ווער קאָן פאַרשטיין
די שפּראַך
פון יאָ־און־ניין...

טיפע ווינטער נאַכט

טיפע ווינטער נאַכט.
שלאָפנדיקע סאָסנעס.
אזוי ווי איר,
איינגעדעקט אין ווייס,
ליג איך וואך —
טרינק די קהלת־שטילקייט,
ווי געשמאַקן ביטער־וויין.

מיר דאכט:
פונקט ווי אויף אייך
אויך אויף מיר
די צייט
האָט קיין שליטה נישט —

מיר נעמען אַלץ פאַר ליב.

גרינערהייט
איינשלינגען וועט אונדז
די אייביקייט — —

וואָס מיר טוט וויי

...די נאכט,
ווען ס׳לעשן זיך די שטערן;

...דער מאָרגן,
וואָס ראַנגלט זיך אין ווערן;

...דער אַלטער בוים,
וואָס באַדעקט זיך מיט יונגן גרין;

...דער שווימענדיקער וואָלקן,
וואָס גייט
און גייט —
כ׳ווייס נישט וואַהין...

הימן פון בן־סורר ומורה צו דער מאַמע ערד...

גרויסע ערד,
ערד פון ליים,
ערד פון זאַמד,
ערד פון שטיין,
ערד פון מיין היים —
מאַמע...

אַ פרעמדן
האָסטו מיך צום לעבן געבראַכט,
דערצויגן מיך און גענערט
מיט דיין האָניק, מיט דיין זאפט —
נישט צו ווייסן פאַרוואָס,
האָסטו מיך פיינט געהאַט.
און געליבט —
נישט ווייסנדיק נאָכוואָס...
הייליקע ערד,
ערד פון מיין היים —
מאַמע...

מאַמע!
ווו איך טרעט,
טרעט איך איבער דיין לייב,
אַ הפקר־יינג,
אַ פאַרדאָרבענער פון קראַנקער פרייד,
אַ שיכורער פון שאנד —
זע,

איך לעב,
האָב דיך ליב
און האָב דיך פיינט...
אָט לייג איך מיין אויער
צו דיין שוים
און הער —
דו וויינסט...
וויין...
וויין...
ווער פון אונדז —
וועט פאַרשאָלטן זיין? — — —

איך קוק אויף דיר

איך קוק אויף דיר
און איך פאַרשטיי נישט —
נישט דעם זינען,
נישט דעם צוועק.

שלאָפט איין די שיינע
בלינדע האָפענונג,
וואַכט אויף די מיאוסע
אַלצוזעענדיקע שרעק...

ווידער וועסטו קומען

ווידער וועסטו קומען —
דאָס מאָל
שוין נישט אין חלום,
אוודאי נישט אויף דער וואָר.

אין דער זון — דיין פּנים,
די אויגן וועלן גרינען,
און אַלץ,
וואָס פאַרלייקנט האָט דיין געשטאַלט,
כ׳וועל אין דיר געפינען.

ווידער וועסטו קומען —
פון שטילקייט דערוויטערט,
געלייטערט
פון שטורעם —
און איך וועל אַ יום־טובדיקער,
אַ ווייסער,
דערוואַרטן דיינע אָרעמס.

פרעג מיך נישט

פרעג מיך נישט ווער איך בין,
פונוואַנען איך קום,
וווהין איך גיי.
נאָך איידער צוויי
איך האָב ציילן געקענט,
די מאַמע האָט עם מיר דערציילט,
דער טאַטע
וועגן דעם געלערנט.

פרעג מיך נישט ווער איך בין,
פונוואַנען איך קום,
וווהין איך גיי.

פאַר דיר,
פאַר דיין ביטער־פאַרגעניגן —
איך בין דאָ —
און זאָל עס דיר גענוג זיין — —

ערדישער מאַן

ערדישער מאַן,
פון הימלישן עול אויסגעשפּאַנט,
נישט דיינע אויסגעקלערטע פליגל
צו די הייכן
וועלן דיך לאָזן דערגרייכן.

ווי הויך
דו וועסט נישט פליען אַרויף —
אַלצאיינס
דער טויט
וועט אומעטום דיך באַגלייטן.

אַ פאַרמשפּטן
איך זע דיך
אַרומדרייען זיך
צווישן די שטאָלענע פייגל...

נישט דאָס וואָרט

נישט דאָס וואָרט
אין דיין פויגלשן מוח
אויסגעפּיקט —
נישט דיין שטים,
דיין אַזוי
און צאַרט,
אַנטציקט האָט מיך —
אַריינגענאַרט.

פון דיין מויל
דאָס רויע טערפקע פלייש,
וואָס האָסט געגעבן מיר
צו פאַרזוכן בלויז,
האָט מיך באַרוישט,
מיט פינצטערער פרייד.

צו דיר,
נאָר צו דיר וועל איך זינגען,
נישט זוכן
קיין זין מער,
קיין באַשייד — —

אַזאַ ווי דו ביסט

אַזאַ ווי דו ביסט —
פריי פון שולד,
ריין
פון זינד —
וויאַזוי וועסטו לעבן
מיין קינד?

אויך איך —
אַזוי געטריי צו דיר
ווי איך בין —
קאָן עס קוים פאַרגעבן.

זיי מתפלל —
זאָלסט זיין ווי אַלע,
ווי אַלע...

ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן

ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן,
האָב איך געלעסטערט דיין הייליקייט,
שאַנד־בלימען פֿאַר דיינע פּיס געשפּרייט,
ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן.

ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן,
האָב איך דיך געזוכט אומעטום,
מיט יעדער דיין מפּלה זיך געפריים,
געבליבן טויב און שטום
צו אַלע דיינע שכּלדיקע רייד,
ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן,

ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן.
וועל איך טאָטשען דיך, טאָטשען ביזן לעצטן ביין —

— — — — — — — — —

ביים שפּיגל שטייט אַ מענטש, וויינט —
ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן...

מיט אַן אונצעלע ליגן, בענטשט מיין מויל

גאָטעניו,
מיט אַן אונצעלע ליגן
בענטש מיין מויל,
אַ פאַלש פונקעלע גלויבן
לאָז פינקלען
אין מיין לעסטערנדיק אויג,
אַ געטשעלע גיב מיר,
זיסער גאָטעניו,
כאָטש אַ שטויב
די גרויס,

ווער נאָך ווי דו
ווייסט,
ווי שווער איז
צווישן געטער און מענטשן
לעבן
אַ ז ו י — — —

* * *

דיין האַס
וועט אַמאָל מחילה בעטן,

נאָר
סיין ליבשאַפט
וועט דיר קיינמאָל נישט
פאַרגעבן — —

איך האָב דיך פיינט

איך האָב דיך פיינט,
ווייל מיין שנאה איז צו קליין
כ'זאָל דיין רשעות טויטן
און דיך אַליין
ענדערן.

מ י ר
ב י י ד ע
אַ פּ אָ ר
און דאָס איז זי אינגאַנצן
די שענדלעכע וואָר...

ביסטו געקומען

מיין הויט און פלייש
האָבן טויזנט ציינער
אויפגעפרעסן.

האָט געלעבט
אַן אַרומגעגריזשעטער ביין
איינזאַם און פאַרגעסן.

ביסטו געקומען,
שיינע,
הימלאָזע צויג,

מיט גלוסט אין שמעקנדיקער שוים
און הונגער
אין אויג.

אך, פאַרוואָס, פאַרוואָס
האָב איך אויפפרעסן זיך
נישט געלאָזט — — —

איך דאַנק דיר דערפאַר

איך דאַנק דיר דערפאַר,
וואָס האָסט געלערנט מיך רואיק זיין
ווי דער שטיין,
צו גאָרנישט און צו אַלעם גרייט.
וואָס האָסט שווייגן מיך געלערנט,
ווען דאָס וואָרט איז רייף
ווי די פרוכט,
וואָס פאַלט אַליין פון דער צווייג.

* * *

די מוראַשקע האָט זיך איר ווינטער פֿאַרגרייט,
דיין טאַנצנדיקער קנאַפּל
האָט זי צעטראָטן,

פֿאַרהאַלט זיך אַ וויַיל —
ס'איז דיין איינציקער פֿריינט — —

* * *

דאָס האָט זיך דער וואַלד פאַרבאַהאַלטן אַזוי,
זאָלסט נישט זען ווי די ביימער טוען זיך אויס.

נאַקעטקייט — אַ בזיון?
דו לאַכסט...

די גאַנצע בושה —
הענגט אויפן לעצטן בלאַט...



זיי רואיק

זיי רואיק —
דורכן וואַלד לויפט אַזוי דער ווינט
מיט געפייף —
בלויז די וואָס שפּאַנט איצט
לעבן דיין זייט —
איז לאַנג שוין ווייט...
זיי רואיק,
זאָל דיר אויסדאַכטן זיך
עלעהיי
נאָך אַ פרעמדער לוויה
דו גייסט — — —

* * *

איך דאַנק דיר, גאָט,
וואָס אַזוי ווייניק פון דיין ענלעכקייט
האָסט מיר צוגעטיילט.

ווי אַן ערדישן מענטש
האָסט באַשאַפן מיך,
ווי אַ הימלישן גאָט
איך — ד י ך...

איצט

איצט
ווען צעבראָכן זענען
אַלע בריקן
קיין וועג צוריק —
איז מער נישטאָ

אַלע גליקן,
ווי פון הימל אַראָפּ,
קומען אָן.

כ'וועל זיך נישט איילן —
סיי ווי נישטאָ
מיט וועמען זיך צו טיילן — —

ווי קאָן איך דעם אמת דערציילן?

ווי קאָן איך דעם אמת
וועגן דיר און וועגן זיך
דערציילן,
אַז סיי־ווי וועט מען אונדז
פֿאַראורטיילן.

מיך —
פֿאַר מיין פֿאַרברעכערישער צניעות.
ד י ך —
פֿאַר דיין הייליקער צביעות....

אוי, וויפל צוגן זענען געקומען

אוי,
וויפל צוגן זענען געקומען,
וויפל — אוועק שוין —
אין פענצטער פון א יעדן וואַגאָן
איך האָב דיך געפונען...

ווי קאָן איך אוועקגיין,
זאָג אַליין...

לויף איך פון פעראָן צו פעראָן
און ס'איז קיין גרענעץ נישטאָ
צו מיין פרייד:
אַזוי פיל וועלן נאָך זיין — —

צו דיר, אָ ליבסטע

פון די „האַרבסט־מאָטיוון“

צו דיר, אָ ליבסטע, איך גיי.
די אַלכע און דער קליאָן —
ביידע אויף בלאָנד געפאַרבט —
פאַרשטעלן מיר דעם וועג.

שטעכיק איז דאָס פעלד נאָכן שניט
און איך גיי אַלין מיט די זעלבע גרינגע טריט.

ווי תמיד איידער איך קום צו דיר,
איך וואַש מיינע פיס אינעם בלויען טייך,
נאָר אין זיין שפּיגל דעם שוואַרצן יונגלינג
געפון איך נישט — —

זיצט אַ מענטש

אויפֿן טיש —
דאָס ביטערע געטראַנק.
אַרום —
די נאַקעטע פיר ווענט.

אין גרויען פענצטער
אַ רויטער פלעק
דערברענט.
מיט געשלאָסענע אויגן
זיצט אַ מענטש.

ווי ירמיהו אין ווייטער פרעמד,
צו זיינע קניען טוליען זיך
די בלייכע הענט...



פאַרגעסן

פאַרגעסן — זיין שטאַרק —
נאָר וויאַזוי?
אַז ביים שפּיץ פון באַרג
דו שטייסט;
אַראָפּ
איז קיין וועג נישטאָ.
דער טאָל
בלייבט פאַרבאָטן —
און העכער פונעם וואָלקן
וועסטו נישט גיין — —

אַלץ איז ווי געווען

אַלץ איז ווי געווען.
די ז י יאָגט זיך נאָך דעם ע ר
און זוכנדיק,
אונדזער מין זי פאַרמערט.

און דער ע ר שלעפּט דעם יאָך.
אים דאַכט,
איידער־נאָך ס׳וועט צופאַלן די נאַכט,
וועט זיך ענדיקן דער וואָכעדיקער טאָג...
אַלץ איז ווי געווען.

אָט איז דער ראַנד פונעם וועג.
ביידע זיצן זיי ביים טייך.
ער: ווי קליין די יאָרן, ווי שווער די טעג...
זי: אַלצאיינס זעסטעך — ס׳גייט יאַקעש פאַרביי...?
אַלץ איז ווי געווען,
געווען — —

* * *

דאָס לעבן
פֿאַר זיך איר בויט
און לאַכט.

איך בוי פֿאַר זיך
דעם טויט
און וויין.

איר שרייט:
פֿון דײַנע טרערן
די זון שיינט אַרויס —

פֿון אײַער געלעכטער
איך הער
די שטים פֿון טויט...

אַזוי פיל בלומען

אַזוי פיל בלומען
אויף דיין זיגער־וועג
דיין פּום
האָט צעטראָטן

און גייסט אַלץ אַליין
אַליין,
אַליין —
און קיינער זעט נישט,
קיינער ווייסט נישט,
ווי קליין דו ביסט —
ווי אומבאַהאָלפן...

אָך, באַוווּנדערטער העלד,
קרוינעלע פון דער וועלט — — — —

נישט דיינע הענט

אָ, נישט די קאַסטאַנעטן —
דיינע הענט...

נישט פון בריליאַנטענער דיאַדעם
דער בלענד
מיט ליכטיקייט
מיינע אויגן פאַרפלייצט —
ווען זענען דיינע האָר
אינעם ווינטיקן געדריי.

נישט דער דופט פון יונגן בעז
און יאַשמין,
וואָס איך בין שיכור פון אים —
דיין דופטנדיקער שוויים.

נישט דער דינער צויבער־קאַרמין —
אַלצאיינס דאָס נאַקעטע מויל
שרייט אַרויס צו מיר
פון הינטער אים...

גורט זיך אָן

גורט זיך אָן —

אין פענצטער פון איר געמאך
זי קוקט אַרויס נאָך דיר
און לאַכט...

גורט זיך אָן —

אין דיינע אויגן זי זיצט
און אומגעדולדיק אין דיין בלוט
זי רופט...

גורט זיך אָן.

יונג שטאַרבט די פרילינג=נאַכט
געס׳טט פון אייגענעם דופט — —

וויפל מאָל שוין

וויפל מאָל שוין
דיין טויט
האָב איך געזען —
באַדויערט
ז י ך,
ד י ך —
באַוויינט...

האָב איך עס געוואָלט אַזוי?
ווי קיינמאָל
פריער,
דו ביסט
ווייט פון מיר, —
ווייס איך נישט
פאַרוואָס,
פאַר וועמען
איך אַנטלויף — —

פאַרנעפּלטע אויגן

אַזעלכע גרויסע
פאַרנעפּלטע אויגן
מיט לאַנגע ווימפּערן
איבערגעצויגן —
אַזעלכע גרויסע
פאַרנעפּלטע אויגן.
צוויי אינגאַנצן
זענען זיי —
און יעדעס באַזונדער
טראָגט מיר פרייד,
טוט מיר וויי...

ס'ווייסט נישט די גריל

ס'ווייסט נישט די גריל
פאַר וועמען זי שפּילט,

אויף דער פראַגע
וועט נישט ענטפערן די ציקאַדע,

אויך נישט דער פויגל וואָס שפּרינגט
פון צווייג צו צווייג און זינגט —

און דו בחינם זיך פלייסט
באַווייזן מיר — אַז ווייסט...

שיין ליד מיינס

שיין ליד מיינס —
ווי לאַנג דו ביסט מיין, —
די פרייד פון מיינע טעג פרעסט אויף,
די רו פון מיינע נעכט — דו רויבסט.

שיין ליד מיינס —
דו מאַכסט מיך קראַנק;
פאַרוואָס ווען מיט אַנדערע דו ביסט,
לייכטער איז זיי דער טעגלעכער גאַנג,
און דער שלאָף — איז זיי זיס...

שיין ליד מיינס —
זיי גוט צו מיר,
ווען איך האָב דיך פיינט...

* * *

אָ, גאָט,
איך ווייס,
אויך דיר האָט אַמאָל
די איינזאַמקייט דערעסן —

האָסטו די וועלט באַשאַפֿן,
ווי איך
מיין ליד
אין אַ רגע פון פאַרגעסן.

שטורעם און רעגן

שטורעם און רעגן
זענען פאַרביי,
שמירן זיך
קליינע וואָלקנדלעך
איבער דיין געזיכט.

ניי געבוירן
פאַר מיר דו ליגסט —
איז בלוי דאָס ליכט
איבער דיר —
די זון
אין דיין בליק.

בין ניי געבוירן
אויך איך,
דער באַשאַפענער
און דער ע ד ו ת
פון כסדר זיך באַנייענדיקן
ב ר א ש י ת...

* * *

אויף מיינע שטייניקע פיר איילן
אַ ברונעם כ'האָב געגראָבן,
אַ פּראָסטן ברונעם.

האָב איך אַ קוואַל אָנגעטראָפן,
האָט ער מיך
פאַרשווימען — —



ביים ים־ברעג

באַהערשט שוין אַלע אַרומען,
דעם הימל פֿאַר פֿאַן־בראַט גענומען.
טרייבט ער די כוואַליעס צום ברעג,
איינע נאָך איינע,
נאָר ווי זיי דערזעען דיך
זיי צעפֿאַלן זיך
פֿאַר אימה.



אין דינעם גאָלדענעם שטויב

אין דינעם גאָלדענעם שטויב
דער קאָפּ
פון הייסן זומער־טאָג
לאָזט זיך אַראָפּ.

בתולהדיק בלוי
דער אָוונט גייט אויף.

פול איז די לופט
מיט אָפּגעקילטן סאָסנע־האָניק,
מיט רייפן מיידלשן־גערוך.

ביי אַ פּאַרקנדל
אַ בהמה שרייט,
זי איז זאַט
— אויסגערוט
וויל געמאָלקן זיין...

זוו זענען די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

וווּ זענען די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
וואָס די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט,
די ווייסע ציג
וואָס איז געשטאַנען
הינטער מיין וויג?

די בלאָנדע שיקסע מיט דעם פערדישן עק
האָט די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
אויפגעפרעסן,
דאָס ווייסע ציגעלע האָט זיך נעבעך געעקט,
ווייל איך האָב אין דעם
פארגעסן...

שטעט פון מיין היימלאַנד

שטעט פון מיין היימלאַנד,
שטעט וואָס קיינמאָל האָט מיין פוס
זיי נישט באַטראָטן.

שטעט,
מיט בלוט געצייכנט,
פון מיינע נישט זיכערע טריט.

שטעט מיט קעלט געשלאָגן,
געשלאָגן מיט היץ,
ענלעך צו זיך,
ווי דו און איך...

שטעט פון מיין היימלאַנד,
ווי אַלע שטעט
פון דער גרויסער ווייטער וועלט,

נאָנט אַזוי איינס פון צווייטן,
כאָטש נעמען זיך פאַר די הענט,
און דאָך —
ווי ווייט, ווי פרעמד...

* * *

פון קבר
דיין שאַרבן כ'האָב אויפגעהויבן,
מיין הויט, מיין בלוט דיר געגעבן.

האָב איך לאַנג שוין אויפגעהערט צו לעבן,
נאָר מענטשן
ווילן עס נישט גלויבן...

יעדן מאָרגן

יעדן מאָרגן,
ווען כ'עפן מיינע אויגן אויף,
די וועלט פונדאַסניי
איך באַוווּנדער.

אַזוי ווייניק אין מיר
עס האָט געענדערט זיך
פון ערשטן יאָרהונדערט
ביז אַצינדער...



* * *

ניִשט בלויז ביי טייכן
שטייען ווערבעס געבויגן.

אויף מיין שטיינערנער גאַס
וואַקסן פענער —
אויך דאָ שטייען ווערבעס,
וויינען...

זוך נישט

זוך נישט קיין גרויסמוט
ביים באַלעבאָס.
ביים גאָט —
ער וועט צעטרעטן.

אַ שותּף
צו זיינע פּייניקער
ביסט
דו.

*
* *

פֿאַר דיר,
פֿאַר דיין אייביקן אומעט,
איך זוך
אַ נאָמען.

אַנדערש
פֿון אַלע אַנדערע ביסטו —
טאַטע־מאַמע
האָבן דיך נישט אָנגעטאָן...

* * *

אין מײַן האַרץ
האָסט אַ שוואַלבן־נעסט געבויט —

איז שוין האַרבסט,
וואָס אַנטלויפסטו?

אַלץ איז גאָרנישט

אַלץ איז גאָרנישט —
און דאָס איז פיל.

די זון האָט ליב דעם ים,
וועט קיינמאָל נישט קומען צו אים.

איז עס מיין מיידל — דאָס זאמד? —
טאָ ווער און וואָס בין איך?

די זון האָט ליב דעם ים.
יעדן אָוונט פאַלט צו זיינע פיס.

און איך וויים אַז אַלץ איז גאָרנישט
און וויים, אַז אויך דאָס איז פיל.

דאָס מיידל

דאָס מיידל האָט אין מיין ליד
זיך פאַרליבט
אומעטום נאָר איינעם געזען האָט זי:

פאַרן בילד פאַלנדיק
אויף דער קני,
אין די שטערן געזוכט אים
אינעם גאַסן־טומל —
צווישן טויזנט שוועבנדיקע פּנים.

ביז איבער מיין שוועל געקומען
זי איז,
געפונען —
מיך.

דו, איינציקער

דו, איינציקער,
געדודלדיקסטער פון מיינע פריינט
פאַרנעם ווי אַמאָל
אויך איצט
מיינע רייד.

דער ווייטיק,
ווי אַ צוואַנג
בייסט זיך אין האַרצן איין —
פאַרנעם ווי אַמאָל
אויך איצט — מיין געשריי:

אויב אַן איינציק האַרץ
טראָגט אַזוי פיל פּיין און וויי,
ווי וועט זיין,
ווען פון דעם איינעם
וועט ווערן צוויי?

* * *

דיר איז שווער דער יאָך
פון אייביקער וואָך —

זאָל עס דיר זיין אַ טרייסט:

אין געיעג נאָך יום־טובדיקייט
פאַרלוירן איך האָב
אויך דאָס ביסל וואָכיקע פרייד...

* * *

גאָטעניו, פאַרהיט מיך,
פאַרהיט
פון זיג —

נאָר די מפּלות,
וואָס באַגלייטן מיך,
זאָלן נישט קומ׳ן —
אומגעריכט...

פלאַטערל

פלאַטערל, מיין פלאַטערל,
ווער האָט איבערגעמאָלן דיך
פון ווייס אויף שוואַרץ —

ס׳איז די נאַכט,
דאָס האָט זי
אויסגעטרונקען דאָס ליכט,

פון דיין און פון מיין האַרץ...

ווי רעגן

ווי רעגן און טוי,
פֿאַלט פֿון מיין געמיט
דאָס ליד
אויפֿן פּאַפּיר אַרויף.

איז דאָס פּאַפּיר — מיין ערד,
זי טראָגט מיר די פּירות אויס,
וואָס זענען אייך
פֿ אַ ר ו ו ע ר ט...

מאַמעניו, איך וויל אַהיים

מאַמעניו,
איך וויל אַהיים.

כ'קאָן מער דאָס שפּיל נישט ליידן.
מיין חבר האָט פוילע ציין,
מיין חברטע — צוויי גלעזערנע אויגן.

מאַמעניו,
כ'האָב שוין אַלץ געזען,
נענוג געלאַכט, צו זעט געוויינט —

איך וויל צו דיר,
מאַמעניו,
אַהיים — — —

באַדויער נישט

באַדויער נישט,
מיין פריינט,
דאָס האָב איך אַליין
מיין ווונד
מיט אַ ווונד געהיילט.

כאָטש געוווסט האָב איך:
די צווייטע
וועט ברייטער
און טיפער זיין...

פון מפּלה צו מפּלה

פון מפּלה צו מפּלה,
גענוי,
מיט דער זעלבער האָפּערדיקער פרייד
דו גייסט.

די פלעקן פון קלעפּ
אויף דיין אַנטפּלעקטן לייב
מיט שטאָלץ
פאַר קוש־חתימהס דער וועלט דו באַווייזט.

און פאַר יעדן איינעם,
וואָס איז אומבאַקאַנט דיין אויג,
דיין שוים —
ווי אַ טיש — מיט ליבע איז פאַרגרייט.

ווער איז דיר גלייך
אין דיין הויכער
געפאַלנקייט?

זע

זע,
קיין שרפה איז דאָ נישט געווען —

מיין הויז ביזן פונדאַמענט
שטייט — פאַרברענט.

אויך קיין מבול איז נישט דורכגעגאַנגען —

זוך איך דעם גרונט הינטער מיינע פים,
און געפין אים נישט.

זוי דער אירים

זוי דער אירים
האָסט זיך נישט געביטן,
נאָר אויך דיך האָט נישט געמיטן
דער צאָן פון דער צייט.

פאַרבלאָז, אָן אַ ריח, ביסט געבליבן.

כאָטש די בלעטלעך דיינע
אויפן ווינט האָסט נישט געזייט,
האָב איך דיך ארויסגעשמיסן
צוזאַמען מיט זיי.

כ'האָב זי געזען

כ'האָב זי געזען אין דיינע אויגן,
אין די שוויים־טראָפּנס אויף דיין געזיכט.

פונעם פאַרשטאָפּטן מויל דיינעם
דעם כאָרכל איך האָב פאַרנומען,

דערנאָך ביסטו געקומען
אַ שטראַלנדיקע
און שלווה האָט געוועלטיקט
אין דיין בליק — —

* * *

שיפעלע אָן אַ רודער,
פאַרבענקט
אין דיינע באָלנדזשענישן אָן אַ ציל.

כאָטש אויף אַ ווייל
אַ האַפנדל
האָסט געזוכט אין מיר —

און איך אַליין בין בלויז געווען
אַ שווימענדיקע
איין=קריע...

כ׳וועל פאַרלאָזן דיך

צוזאַמען מיט די ברעקלעך,
וואָס וואַרפסט מיר צו
אַמאָל־אַמאָל —
און איך בין גליקלעך מיט זיי —
כ׳וועל פאַרלאָזן דיך
ערגעץ־ווו.

כ׳וועל פאַרלאָזן דיך
אין דעם געוויסן טאָג,
אין דער באַשטימטער שעה
ווען די וועלט
און דו
וועלן זאָגן:

ער
איז מער
נישטאָ...

אין חודש מאַי

וואָס פאַר אַ באַדייט
האָט דאָס
וואָס איז פאַרביי?

ווי תמיד,
מיט גרינע פּיס
דער פרילינג גייט.

כאָטש אַנדערש ער טוט ווי —
פאַר פרייד
דו ווייסט:

לאָמיר אָנהייבן פונדאָסניי —
וואָס געווען
וועט מער נישט זיין;

דער שניי אפילו,
וואָס איז אַמאָל געפאַלן אין מאַי
וועט היי־יאָר אַנדערש זיין.

לאָמיר אָנהייבן פונדאָסניי,
ווי לאַנג די ערד איז גערוים
פאַר אונדז — זאַלבעצווייט...



ליכט אין אירע אויגן

ליכט אין אירע אויגן
דו האָסט געזוכט,
אין פּנים די פאַרב
פון זינגענדיקן בלוט.

די גונסט פון האַרץ
דו האָסט געזוכט,
וואָס גיסט די ליפּן אָן מיט זאַפט
קיילעכיק און פול.

די ציטערנדיקע קני,
וואָס איז זיס,
ווי דער פויגל, וואָס דיינע הענט
האָבן געפאַנגען אים אין פלי.

אַלץ אין איר, אין איר נאָר
דו האָסט געזוכט — דו —
אַ גאַסט פון יענער-וועלט,
זיך אַליין נאָך נישט באַוווּסט...

דער שטיין פון חכמה

ליבע־קרייטעכצער
געזוכט האָב איך
פאַר דער,
וואָס האָט מיין האַרץ פאַרצערט,

האָב איך דעם שטיין
פון חכמה געפונען
און
אַראָפּ פון זינען —

און איך ווייס פאַרוואָס

און איך ווייס פאַרוואָס,
פאַרוואָס זיי האָבן זיך
אַזוי צעגרינט
דער פריילעכער קליאָן,
דער כמורנער קאַשטאַן
און צאַרטער יאַשמין.

נאָר פאַרוואָס
זיי נידערן מיט ציטער
צו דיר
די צווייגן אַראָפּ —
דאָס ווייס איך נישט...

דו זאָגסט

דו זאָגסט:
דאָס איז עס אינגאַנצן
דאָס לעבן,
און קיין צווייטס איז נישטאָ.

אוי ווי,
אויב דאָס איז טאַקע וואָר —
טאָ וואָס וועט זיין מיטן לויתן,
מיטן שור־הבר —
זיי האָבן דאָך אויסגעפּרעסן
פון מיין קאָפּ די האָר...

לידער צו ישראל שטערן

(דעם אומגעקומענעם אין װאַרשעװער געטאָ)

ישראל, ישראל, —
וױפל לידער האָסטו אױפגעשריבן,
וױפל לידער — אױסגעשװיגן?

ישראל —
דײַן יתומל
אַנטלױפט צום לעצטן מאָל;
לעשט זיך זײַן געלעכטער
אין טיפן טאָל,
זײַן געװײן —
דײַן יתומל,
דאָס יתומל דײַנס.

אױך די גאַסן דײַנע,
די הײַזער,
זײ זאָגן מער נישט „מודה אני“ —
צו דער מאָרגנזון —
צו איר פאַרגײן,
זײ בעטן מער קײן רחמים נישט.

הינטערן שטױב
פון דײַן אַלטן ראָק, אָן קנעפּ,
פאַרשטאָכן מיט דער טאַליע־שפּילקע,
ליגט פאַרקױלט

דיין האַרץ,
דיין לעצטע תפילה
און דאָס לידער־בוך
פון ריינער מאַריאַ רילקע...

* * *

ישראל, ישראל —
גאָט אַליין
דער שטויב איבער שטויבן
איבער דיר
ער שטייט איבערגעבויגן.

„כביכול —
ער מורמלט צו זיך —
צווישן העם פינצטער פון דער נאַכט
און דעם ליכט פון מאָרגן,
וואָס באַשאַפן האָסט פון דיין אייביקייט
אַ ט ע ו ת ליגט פאַרבאָרגן.

ווי דיר,
א ל ו ה י ם,
וואָס ווייסט נישט פון אים...“

און די שכינה —
דער שאָטן פון זיין איינזאַמקייט —
זי וויינט
איבער אַלץ וואָס חרוב איז,
פאַרברענט —
און איבער אייך ביידן
עס הייבן זיך
אירע פאַרבראָכענע הענט.

מיין פעטער נח דער טויטער חסיד

שרה׳לען

וואָס איז הער־מער —
זיי שפּעטן פון אונדז,
וואָס איז דער־מער —
זיי פאַרהונגערן אונדז,
וואָס איז דער־מער —
זיי ממיתן אונדז,
אַז אין גערעדעריס
די שמחה ברומט:
— די גאולה קומט,
די גאולה קומט...

איז וואָס —
אָן חלה,
איז וואָס —
אָן ווייַן,
אָן לחם־עוני,
אָן קלייען אַפילו,
אַז כל עצמותי
אַלע ביינער שרייען:
„זאָל זיין די גאולה,
משיח זאָל שוין קומען...“
ווערט שוין זיין
וואָס דאַרף צו זיין...

איז זינגען —
זאָל זיין געזונגען,
איז טאַנצן —
זאָל זיין געטאַנצט,
מיט אַלע רמ"ח —
מיט אַלע ביינער..

דער ייד
געגליכן איז
צו אַ זייגער —
גיין, איז גיין,
קלינגען איז קלינגען —
אים גייט נישט אָן,
שרפה, נישט שרפה,
מבול, צי שטורם — :
ער גייט זיין וועג,
ער גייט און קלינגט...

איז וואָס —
זיי שפּעטן פון אונדז,
איז וואָס —
זיי פאַרהונגערן אונדז,
איז וואָס —
זיי ממיתן אונדז,
דער עיקר —
ביזן לעצטן שרייפל,
לעצטן ווייזער,
דער עיקר —
די שמחה ברומט
אין אַלע ביינער...

איז וואָס —
דער סופית ברענט,

איז וואָס —
דער דיל,
די ווענט...
וועט ער שטיין=בלייבן דען
דער זייגער
צוליב דעם —
יך — — —

געטאָ־מאָטיוון

דערהרגע,
רבונו־של־עולם,
האָב איך געבעטן
און דו,
מיין ווייטיק צו כפלען
האָסט בלויז שלעק געגעבן.

רחמים,
אָ, פאָטער זיסער,
האָב איך צו דיר גערופן —
האָסטו בטחון
אין מיין הארץ געצונדן,
און דעם לעצטן פונק לעבן
צעטרעטן.

און איך גלויב אלץ,
מיר זענען פון איין פאָרם
פון איין געשטאַלט.

איך גלויב, גאָטעניו, איך גלויב,
ערגעץ איז פאַראַן
אַ משוגעים־הויז —
אויך פאַר געטער — — —

אָט איז אַ פעלד

אָט איז אַ פעלד,
וואָס איז אייביק גרין —

אַ הימל,
וואָס די בלויקייט
טוט קיינמאָל נישט אָפּ זיך פון אים.

אַ בוים,
וואָס שטרעקט שטאָלץ זיין קרוין
אָן מורא
צו ווערן פאַרשרפעט — —

און אָט שטייט אַ מענטש —
שטיקער פון זיין האַרץ
צו עלנטע הונט ער צעטיילט
און פרייט זיך מיט זיי.

— בן־אדם! —
שריי איך צו אים.

דער אָוונט קומט,
דאָס פעלד איז רויט,
שוואַרץ דער הימל —
עס ברענט דער בוים — —



אָן אויפהער

אָן אויפהער ערגעץ מיר פאָרן —
צי מיר ווייסן וווהין,
צו מיר ווייסן עס נישט.

פריינט מיינער
זיי געדולדיק.
לאָמיר ווייטער זיך קלייבן.

ערגעץ־ווו וואַרט אויף אונדז
אַ היימיש ווינקל,
אַ פאַרגרייטער טיש.

אַ געלעגער,
וואָס אויף אים
אַלע זינד
און צדקות
פאַרוואַנדלען זיך — —

איך זאָג דיר

איך זאָג דיר —
אויב לעבן איז אַ קייט פון טרוימען —
דער שענסטער רינג אין אים
איז זי געווען.

און אַלע בזיונות,
אַלע פּיינען,
וואָס כ'בין אויסגעשטאַנען
גלויב מיר —
זיי האָבן זיך געלוינט.

אַזאַ קליין שניי־וואָלקנדל

אַזאַ קליין שניי־וואָלקנדל —
און ס'איז גענוג,
אַז הינטער אים
זאָל באַהאַלטן זיך
די גרויסע זון.

און דו ביסט
אַזאַ קליין שניי־וואָלקנדל...

זע!
מיינע גרינע אויגן
מיט ווייס
זיי האָבן זיך פאַרצויגן —

און אנשטאָט
זאָגן פראָסט:
— מיר טוט וויי —
איך מורמל:
מ אַ י,
מ אַ י...

* * *

ליב מיך,
אָ, ליב מיך שטאַרק,
די שנאה אין מיין האַרץ
זאָל גיכער ווערן רייף —

דיין ווידערשפּרעכן —
זיי וועלן עס צעברעכן
פאַר דער צייט...

הייליקע ערד

ערד,
הייליקע ערד,
כ׳האָב אויף דיין שוים געקנים
מים הייסע ליפּן
דיין ברוסט
געזוכט,

זיי מוחל מיר —
אויב דו האָסט זיך נישט
אין שטיין פאַרוואַנדלט,
האָב אפשר איך — —

ישראל=לידער

ירושלים

פון דער הויכקייט
אויף דער מאַמע־רחלס נאָמען
איך קוק אויף דיר,
אויפגעריכטע אלמנה.

הונדערט מאָל הונדערט שלייערן
פון דיינע שטיינערנע געצעלטן,
קלויסטערס, מעטשעטן —
שיילט אַראָפּ די זון —
און טוט דיר אלץ נייע אָן.

ביסטו יעדע שעה
אַן אַנדערע.
אַ זקנה — דאָ,
און באַלד —
אַ רייצנדיקע יונגפרוי.
און סוועדט נישט מיד
פון וואַנדערן
דאָס אויג.

אלמנה —
וואָס ביסט אויפגעריכט געוואָרן —
אויף צוויי
ווער האָט צעבראָכן
דיין טרויעריקע פרייד?...

אין טבריה

צווישן טאָג און נאַכט.
די שוואַלבן שיבן פון דאַך צו דאַך
און שרייען.

דאָס אַלץ
איז אַ בייזער חלום געווען —
און דו ביסט ערשט זיבן יאָר אַלט.

אָט איז די מעזריטשער גאַס,
אַרויף־צו דער מאַרק,
און יידן אומעטום — יידן, יידן,
פילקאָליריק,
ווי פון רעגנבויגן אויסגעשניטן.

לכבוד שבת
די מאַמע טראָגט פיש פון מאַרק,
לעבן שניט־קראָם דער טאַטע חשבונט מיט קרייד
אויף דער וואַנט,
ווישט מיט אַן אַרבל פון שטערן דעם שוויים.

אַ חמימה געווען דער טאָג,
ווערט די נאַכט זיין היים.
עס שרייען די שוואַלבן,
וואָס שיבן פון דאַך צו דאַך.

און דו זאָגסט —
ס'איז ערב חנוכה הײַנט.
די וואָר און דער חלום זענען אויסגעטראַכט -
נישט אין טבריה,
נישט אויף דער מעזריטשער גאַס —
בלויז די שוואַלבן זענען וואָר
די שוואַלבן וואָס שרייען
און שיבן פֿון דאַך צו דאַך — —

* * *

דער חרמון-בארג —
ער איז פונקט ווי אין חומש
פון מיין קינדערשן דמיון.

דער זעלבער וואָלקן הויערט איבער אים,
ווי אמאָל איבערן בארג סיני —
און גאָטס פנים קוקט אַרויס פון אים.

נאָר די קליינע שעפּערין לעבן ים כנרת,
וואָס טרינקט-אָן מיינע אויגן מיט קוואַליקן אומעט ——
זי איז שענער פון דער שולמית
פון שיר השירים...



אָוונט אין נצרת

ע נאָר
ווי מילד ער איז —
דער אָוונט;
ווי היימיש
זיי קלינגען
די גלאָקן.

גלאָקן פון מעש,
פון קופּער
און בראָנז —

און יעדער פון זיי
זינגט אַנדערש,
נאָענט...

זענען דאָס
קלויסטער־גלאָקן?
דו שטייסט
פאַרחידושט.

הארך!
זיי רעדן דאָך —
יי ד י ש...



פּאַלמע

פֿאַר דער פֿרייד
צו מיין אויג —
אַ דאַנק,
שטאָלצער בוים.

דיר — צוליב
מיט ריינסטן בלוי
דער הימל
פּוצט זיך אויס.

אויך די זון,
היים און גרויס,
דיר — צוליב
זי גייט אויף.

הפּנים,
ווי איך,
אין דיין פֿרעכער שויבער־קרוין
זי איז פֿאַרליבט — —



צוזאַמען מיטן אָוונט

צוזאַמען מיטן אָוונט
אין גנאייל
זיי נידערן פון די בערג פון גליל —
ניין זענען זיי.

צוזאַמען און יעדער פאַר זיך
געבויגן הינטערן קרייץ —
אַ פאַרלאָשענער עמוד־האש —
ניין שאָטנס פון אַ ווייטער לעגענדע.

גאָר אַ פייערדיקן קרייז
צייכנט אַרום זיי
דער צענטער.

און זע,
איינציקווייז,
ווי פאַרשווערע,
זיי צערינען
איבער די בלויע וואַסערן פון כנרת.

דער מאַראַנצן־סאָד

די צוזאַמענגעטוליעטע ביימעלעך
קליינע
    געהויקערטע
זיי שטייען ווי יידעלעך
אין הכנעה
    געבויגענע.
זיי ווייסן גאָרנישט
וויפל גאָלד
עס הענגט אַראָפּ ביי זיי
פֿון יעדער
אויסגעקרומטער צווייג...

משה, משה...

עך!
משה, משה, פאַרוואָס
האָסטו דיין האַנט געהויבן,
דעם שטיין געוועקט
פון שלאָף —

זע,
ווי ער האָט זיך געקלינגט,
ווי ער האָט זיך געמערט,
ווי אַ צרעת
ער באַדעקט דיין ערד.

עך, משה, משה,
פאַרוואָס
האָסטו דעם שטיין געוועקט
פון שלאָף — —

יעקב ביי רחלס קבר

...פערצן מאָל האָט דער מלקוש
געפּאַטשט מיר אין פּנים —

פערצן מאָל האָבן פייערדיקע חמסינען
מיין נאַקן געשרפעט —

פערצן מאָל דריי הונדערט צוויי און זעכציק —
נאַכט־ביי־נאַכט —
געוואַרט אויף דיין קומען.

און דו, כסדר,
גענאַרט האָסט מיך,
גענאַרט.

אין וועג
ביסטו מיר געשטאָרבן,

אויך דאָס באַוויינען דיך
נישט פאַרגינען — —

כ ו ת ל - מ ע ר ב י

— איך פֿאַרשטיי,
דו ווילסט דיין מאַמעס צוואה דערפֿילן —
אָבער צום כותל־מערבי, מיין פֿריינט,
מיר וועלן נישט גיין...

צו אַ לאַנד אַ צווייטן
זי געהער —

זאָג עס איר — דיין מאַמען,
און זאָל עס איר נישט וויי־טאָן...

— וואָס איר זאָגן?
יי ד ן וויינען נישט מ ע ר...



לעבן לונאַ־פּאַרק

פון ציקל „שטח הגדול“

קליינע זגראַבנע עופּהלעך,
וואָס די מאַמע־מילך אויף ליפּן
האָט נאָך נישט אויסגעטרוקנט —
וואָס זוכט איר דאָ
אין דער הייסער שטערן־נאַכט
פאַרן שרייענדיקן
לונאַ־פּאַרק?

אפשר אים,
דעם זינדיקן מאַן פון טמא־לאַנד,
וואָס באַנעמט אַזוי שווער,
אַז איבער הייליקער ערד
ער שפּאַנט — —

קליינע,
הייליקע אייניקלעך
פון דוד המלך —
כל־זמן
אַ לירע איז אין טאַש פאַראַן,
די קאַרוזעליע איז אין גאַנג —
לאָמיר דרייען זיך אַ פריילעכס — —

יפו, דעצ. 1961

קאַזואַרינע

כמורנע קאַזואַרינע
אין לאַנד פון אייביקער וויאָסנע —
אַ גרוס דיר איך ברענג
פון דיין שוועסטער
הער סאָסנע.

וואָס זאָל איך וועגן דיר
אין פּוילן דערציילן —
אַז די שישקעס דיינע וואַקסן גרעסער
ווי אין דער אַלטער היים?
אַז טרויעריק הענגען אַראָפּ
דיינע שווערע צווייגן...

דערצייל איר, מיין ליבער,
דערצייל,
אַז איך בענק
נאָך אַ ביסעלע שניי...



די מלכה־שבא אויפן מיידלעך-שוק

פון וואַנען נעמט זיך דאָ
אויפן מיידלעך־שוק —
די מלכא־שבא?

דאָס האָט זי דער אשמדאי
אַהער פאַרוואָרפן,
פון שוואַרצן קיניגרייך.

אַזוי ווי איר געליבטן,
דעם מלך־שלמה,
וואָס האָט זיין רינג נישט אָפּגעהיטן.

עד־היום ער שרייט אומזיסט:
— אני שלמה —
און קיינער גלויבט אים נישט.

טרויעריק איז די מלכה־שבא.
אויפן מיידלעך־שוק —
איך זע זי יעדן טאָג.
זי שטייט און שווייגט —
וואַרט אויף אַ באַלעבאָסטע
אין דער לאַנגער מיידל־ריי...

* * *

דו זאָגסט:
די גאַנצע ערד איז הייליק,
נישט נאָר די דאָזיקע,
די אויסדערוויילטע.

זאָג איך דיר:
עס איז נישט וואָר:
בלויז ער איז הייליק,
דער מענטש,
וואָס האָט אין יעדן דור
אַ מקדש געבויט —
אים פאַראומרייניקט — —

* * *

ווייל דער ריח פון פאַרגאָסענעם מענטשן־בלוט
איז ווילגעפעלן זייערע נאָזלעכער,
הונדערט געטער
פאַר זייער מקדש
האָבן די דאָזיקע ערד אויסדערוויילט.

אליין
האָבן זיי פרידלעך
מיט די הימלישע גיטער —
זיך איינגעטיילט — —

אין מיין היים

אין מיין היים
איז איצט פראָסט און שניי —
מיין מיידל דאָרט איז ווייט
און קאַלט
און בלייך —

ס׳איז ווינטער שוין,
איך ווייס עס, איך ווייס:
דיין הימל איז אייביק בלוי
און ווי קיינמאָל קיינע נישט
ביסט נאָנט צו מיר
און היים.

דאָך,
זע, ווי עס טאַנצן מיינע טריט,
ווען עס דערנעענטערט זיך
דער וועג
צוריק — —

אינהאלט

יעדן מאָרגן 7
יאָרן, מײַנע יאָרן 8
רויטע פּיאָלקעס 9

שלום־עליכם־מאָטיוון

סטעמפּעניו 11
דאָס פּאַרכישופטע שנײַדערל 12
טביה און מנחם־מענדל 14
ווי דער בער; ווי דו 15
קוק זיך אײַן 16
צי בלויז דערפֿאַר 17
מיך צו פֿאַרשקלאַפֿן 18
*** 19
אָן א פּאַרוואָס 20
דאָס האָט זי 21
אויף דער שוועל פֿון האַרבסט 22
ווי די סאָסנע 23
אַלץ איז געווען א ליגן 24
אין שפּיטאָל 25
יונגער ווינטער 26
ארײַנצוקומען אין דיר 27
איך פֿיר דיך 28
שטראָף און טרייסט 29
פֿון די טויזנט סופֿ'ן 30
דער צוג איז שוין אוועק 31
יעדן טאָג 32
וואָלט איך א טעכטערל געהאַט 33
ווי צו אײַך 34
וואָס איז זי דיר שולדיק 35
*** 36
די פּאָעזיע וואָס איז זי? 37
דאָס ליד 38

וואָלט איך געקאָנט 39
דער שייטערהויפן 40
ביינאַכט 41
נישט אויף קיין רוף 42
אַ גאַנצע נאַכט 43
טיפע ווינטער־נאַכט 44
וואָס טוט מיר וויי 45
הימן פון בן סורר ומורה רצו דער מאמע ערד 46
איך קוק אויף דיר 48
ווידער וועסטו קומען 49
פרעג מיך נישט 50
ערדישער מאַן 51
נישט דאָס וואָרט 52
אזא ווי דו ביסט 53
ווייל דו ביסט מיר מיאוס געוואָרן 54
מיט אַן אומצעלע ליגן בענטש מיין מויל 55
*** 56
איך האָב דיך פיינט 57
ביסטו געקומען 58
איך דאַנק דיר דערפאַר 59
*** 60
*** 61
זיי רואיק 62
*** 63
א י צ ט 64
ווי קאָן איך דעם אמת דערציילן 65
אוי, וויפל צוגן זענען געקומען 66
צו דיר, אַ ליבסטע 67
זיצט א מענטש 68
פ א ר ג ע ס ן 70
אַלץ איז ווי געווען 71
*** 72
אזוי פיל בלומען 73
נישט דיינע הענט 74
גורט זיך אָן 75
וויפל מאָל שוין 76
פארטעפלטע אויגן 77
ס'וויסט נישט די גריל 78
שיין ליד מיינס 79
*** 80
שטורעם און רעגן 81

* * * 82
בײם ים־ברעג 83
אין דינעם גאָלדענעם שטויב 84
װו זענען די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען 85
שטעט פון מײן הײמלאַנד 87
* * * 88
יעדן מאָרגן 89
* * * 90
זוך ניש ט 91
* * * 92
* * * 93
אַלץ איז גאָרנישט 94
דאָס מײדל 95
דו, אײנציקער 96
* * * 97
* * * 98
פלאַטערל 99
װירעגן 100
מאַמעניו, איך װיל אַהײם 101
באַרװעסער נישט 102
פון מפּלה צו מפּלה 103
זע 104
װי דער אָרים 105
כ'האָב זי געזען 106
* * * 107
כ'װעל פאַרלאָזן דיך 108
אין חודש מאי 109
ליכט אין אירע אויגן 110
דער שטײן פון חכמה 111
און איך װײס פאַרװאָס 112
דו זאָגסט 113
לידער צו ישׂראל שטערן 114
* * * 116
מײן פעטער נח דער טויטער חסיד 117
געטאָ־מאָטיװן 120
אָט איז א פעלד 121
אָן אויפהער 123
איך זאָג דיר 124
אזא קלײן שנײ־װאָלקנדל 125
* * * 126
הײליקע ערד 127

ישראל-לידער

ירושלים	128
אין טבריה	129
***	131
אָוונט אין נצרת	132
פּאַלמע	133
צווישן מיטן אָוונט	134
דער מאַראַנצן-סאָד	135
משה, משה...	136
יעקב ביי רחלס קבר	137
כותל-מערבי	138
לעבן לונא-פּאַרק	139
כמורנע קאַזואַרינע	140
די מלכה-שבא אויפן מיידלער-שוק	141
***	142
***	143
אין מיין היים	144